**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/21/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנאר האקאל מעלדט אנהייב פון ארבעט אויף 64 מיליאן דאלארדיגע צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אין ראטשעסטער**

***צוגעפאסטע איבערניץ פון היסטארישע 'אוטץ און דון' שיך פירמע געביידע וועט שאפן 123 ענערגיע-גינציגע שטובער פאר ארבעטער פאמיליעס***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט 'פינגער לעיקס פאָרווערד' — דער ראיאָן'ס ברייט-ארומנעמנדע סטראטעגיע אויף אויפצולעבן קאמיוניטיס און מאכן וואקסן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף 'קאנאל קאממאנס', א 64 מיליאן דאלערדיגע דעוועלאפמענט וואס וועט איבערבייטן א 19'טע יארהונדערטיגע פאבריצירונג איינריכטונג אויף 123 צוגענגליכע און שטיצנדע סערוויסעס. געפונענדיג זיך אין ראטשעסטער'ס סוזען בי. אנטאני געגנט, וועט די געביידע אנטהאלטן 70 שטובער מיט שטיצע סערוויסעס.

"דער 'קאנאל קאממאנס' דעוועלאפמענט וועט אריינבלאזן א נייע חיות אין דעם היסטאריש-קאמערציעלער געביידע און שאפן א לעבהאפט קאמיוניטי אנקער אין דרום-מערב ראטשעסטער," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "אדאנק א באדייטנדע סטעיט אינוועסטירונג, שליסן מיר אויף 123 דירות פון צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער און זיי פארזארגן מיט די געצייג און סערוויסעס וואס וועלן זיי העלפן בליען. דער פראיעקט איז א הויפט שטאנדטייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס 25-ביליאן דאלערדיגע האָוזינג פלאן, און מיר בלייבן לעיסער-פאקוסירט אויף העלפן ניו יארקער זיך אויסקומען מיט'ן צוגענגליכקייט קריזיס דורך אנבאטן זיכערע, באקוועמע, און נידעריגע-קאסט האָוזינג אפציעס."

'קאנאל קאממאנס' איז טייל פון גאווערנער האָקול'ס ברייט-ארומנעמיגע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג, און סטאביל. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

ארגינעל געבויט אין דעם 19'טן יארהונדערט פאר דעם דזשעימס קונינגהעם און זון פירמע און רענאווירט אין אנהייב 20'סטן יארהונדערט צו ווערן דער 'אוטץ און דון' שיך פירמע געביידע, האט דער פינף-שטאקיגן, רויטע-ציגלנע סטרוקטור פונקציאנירט אלס א שיך פאבריק פון די 1910'ער יארן ביז די 1950'ער יארן. די געביידע איז געבליבן ליידיג אויף איבער א צענדליג-יאר.

רענאוואציעס צו די 166,000-סקוועער-פיסיגע געביידע וועט רעספעקטירן איר עקזיסטירנדע אינדוסטריעלע כאראקטער, מיט פילע סטרוקטורעלע זיילן געבליבן אויפגעדעקט, היסטארישע צוענדיגונגען פארהיטן, און דער פאבריק׳ס ברעטערנע דאך אויסגעהויבן איבער׳ן גאנצן סטרוקטור. צוויי איינציג-שטאקיגע געביידעס פון קיין שום היסטארישע באדייט, וועלכע פונקציאנירן איצט אלס א גאראדזש און אויפלאדן דאק, וועלן צעווארפן ווערן.

דער דעוועלאפמענט וועט פלאצירן 81 איינציג-שלאפצימערדיגע און 41 צוויי-שלאפצימערדיגע דירות, אינאיינעם מיט איין סטודיא דירה. אלע 123 דירות וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 60 פראצענט פון דורכשניטליכע פארדינסטן אין דעם געגנט. זיבעצן דירות וועלן זיין צוגעפאסט פאר די וועלכע זענען באוועגיגקייט-אומפעאיג און פינף דירות פאר די מיט הערן אדער זען אומפעאיגקייטן.

זיבעציג דירות וועלן זיין אוועקגעלייגט פאר ערוואקסענע מיט ערנסטע גייסטישע קרענק, סובסטאנץ באניץ אומארדענונג אדער וועלכע מאכן מיט כראנישע היימלאזיגקייט. איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו רענט סובסידיעס און סערוויסעס אדמיניסטרירט דורך דעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט און פינאנצירט דורך דער עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו.

סערוויסעס וועלן ארייננעמען פינאנציעלע קעיס פארוואלטונג, בילדונג און באשעפטיגונג יעוץ, חבר׳שאפט שטיצע, לעבנס-פעאיגקייטן הדרכה, און סאציעלע אקטיוויטעטן. דער סערוויס פארזארגער איז ׳איסט האָוס׳.

געפונענדיג זיך אין דער ׳פלאווער סיטי׳ס׳ סוזען בי. אנטאני געגנט, איז דער ארט וויינינגער ווי א מייל פון ראטשעסטער׳ס צענטראלע ׳אינער לופּ׳, וואס ווערט טראנספארמירט דורך ברייטע סטעיט און ארטיגע אינוועסטירונג, און איז אויך נעבן דער שטאט׳ס ׳בול העד׳ געגנט, וועלכע איז אויך געצילט געווארן פאר אויפלעבונג דורך דער שטאט רעגירונג.

׳קאנאל סטריט אפארטמענטס׳ וועלן זיין ׳גרין באשטעטיגט׳ אונטער NYSERDA׳ס מולטי-פאמיליע נייע קאנסטרוקציע פראגראם מיט דער דעוועלאפמענט אויסניצנדיג ׳ענערדזשי סטאַר׳ עפּלייענסעס, ריינע געביידע מאטעריאלן, און אינטעגרירטע אומגעוואונשענע שרצים פארוואלטונג. זיי וועלן אויך אנבאטן ענערגיע-גינציגע אייגנשאפטן, ארייננגערעכנט ׳ענערדזשי סטאַר׳ עפּלייענסעס און LED באלייכטונגען, הויך-פונקציאנירנדע ארט-פארבעסערונג אויסריכטונגען, פענצטער, אינסולעישען און לופט פארשטאפן.

׳קאנאל קאמאנס׳ ווערט געבויט געמיינזאם דורך ׳איסט האוס׳ און MM דעוועלאפמענט ראטגעבער אינק.

סטעיט פינאנצירונג פאר ׳קאנאל קאמאנס׳ רעכנט אריין 2.1 מיליאן דאלער אין קביעות׳דיגע שטייער-גע׳פטר׳טע באָנדס, נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 20 מיליאן דאלער אין באזיצערשאפט און 13 מיליאן דאלער פון NYS HCR׳ס שטיצנדע האָוזינג געלעגנהייט פראגראם. דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיט האט באשטימט פעדעראלע און סטעיט היסטארישע שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 12.8 מיליאן דאלאר אין עקוויטי. דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף וועט צושטעלן 7.4 מיליאן דאלער דורך דעם היימלאזע האוזינג הילף פראגראם. OMH פארזארגט אומגעפער 1.75 מיליאן דאלער יערליך אין אפעראציע פינאנצירונג דורך דער עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו, ווי אויך א 335,000 דאלערדיגע פראיעקט אנטוויקלונג גרענט צו העלפן דעקן סטארט-אפ קאסטן.

דער ארט איז מיט הצלחה אויפגעראכטן געווארן דורכ׳ן דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג׳ס בראונפיעלד אויפרייניגונג פראגראם, וואס העלפט שטיצן איבערבוי אלס א מיטל אויפצולעבן עקאנאמיש-שוואכע קאמיוניטיס.

איבער׳ן פארלאפענעם צענדליג-יאר, האט HCR אינוועסטירט איבער 500 מיליאן דאלער אין מאנראו קאונטי צו שטיצן באלד 6,000 שטובער, אריינגערעכנט דער לעצטנס-פארענדיגטער ׳270 אָן איסט׳ אויף ראטשעסטער׳ס שטייגנדע ׳אינער לופּ׳ און ׳פוועבלא נועוואו׳ פאזע צוויי, וועלכע האט המצאה׳דיג איבערגעביטן א ליידיגע ווערהאָוס אויף 29 צוגענגליכע און שטייגנדע דירות אין דעם על קאמינא געגנט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטעלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״ניו יארק׳ס בראונפיעלד אויפרייניגונג פראגראם איז א מאכטפולע און ווירקזאמע מיטל צו העלפן טראנספארמירן געוועזענע אינדוסטריעלע ערטער איבער׳ן סטעיט, אויפלעבן קאמיוניטיס און פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט. קאנסטרוקציע פון די ׳קאנאל סטריט אפארטמענטס׳ אין ראטשעסטער׳ס סוזען בי. אנטאני געגנט הייבט גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו אויפריכטן, איבערבויען און שטארק פארבעסערן פארלאזטע און אונטערבאניצטע פּראָפּערטיס, איבערהויפט אין קאמיוניטיס היסטאריש באלאסטיגט מיט ענווייראנמענטאלע פארפעסטונג, אויף צוגענגליכע, ענערגיע-גיניציגע און באקוועמע שטובער פאר ניו יארקער.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״׳קאנאל קאמאנס׳ איז א ווידער-אינוועסטירונג אין איינע פון ראטשעסטער׳ס היסטארישע געגנטער און דערמאנט אונז גוט וואספארא ווירקונג היסטארישע שטייער קרעדיטס קענען האבן אויף צו פאראויס-פירן א פראיעקט׳ס צילן. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול׳ס אונטערנעמונג צו פריאריטיזירן יושר׳דיגע און צוגענגליכע האָוזינג אין ניו יארק סטעיט און זען געלעגנהייטן פאר קאמיוניטיס פארצוזעצן ווייטער צו איינגלידערן זייערע היסטארישע הילפס-מיטל אין די סארטן צוזאמגעארבעטע אויפלעבונג פלענער.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, אנערקענט ניו יארק אז שטיצנדע האָוזינג איז דאס שליסל צו אונזער ארבעט צו אדרעסירן היימלאזיגקייט לענגאויס דעם סטעיט. ווען פארענדיגט, וועט ׳קאנאל קאמאנס׳ זיין א וויכטיגע טייל פון די ארבעט, צושטעלנדיג זיכערע, צוגענגליכע האָוזינג און אויפ׳ן-ארטיגע סערוויסעס פאר 70 געוועזענע היימלאזע יחידים אין ראטשעסטערס.״

**ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי רינועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״׳קאנאל קאמאנס׳ וועט אפהיטן א נייטיגע שטיקל פון ראטשעסטער׳ס פארגאנגענהייט אוןביישטייערן צו די טראנספארמאציע פון דעם היסטארישן סוזען בי. אנטאני געגנט פון א מערסטנס אינדוסטריעלע געגנט אויף א לעבהאפטן וואוינונג/ארבעט קאמיוניטי. צוליב ארבעט היינט אנגעהויבן, וועלן 123 הויזגעזינדער האבן א ליכטיגערע צוקונפט און א צוגענגליכע שטוב און א מערקווירדיגע געביידע. דאס אריינגעמען 70 דירות מיט שטיצנדע סערוויסעס וועט פארזיכערן אז דער געגנט׳ס עקאנאמישע אויפשטייג לאזט נישט קיינעם איבער פון הינטן. א דאנק אייך פאר אונזערע צוזאמארבעטער ביי ׳איסט האוס׳ און ׳MM דעוועלאפמענט עדווייזערס אינק.׳ פאר זייער ארבעט אויף דעם דעוועלאפמענט וואס וועט פארבעסערן לעבנס און שטערקער מאכן א קאמיוניטי.״

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״דער פראיעקט שפיגלט אפ גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו העלפן פארזארגן צוגענגליכע און ענערגיע-גיניציגע שטובער צו מער ניו יארקער לענגאויס דעם סטעיט. די ׳קאנאל סטריט אפארטמענטס׳, ווען פארענדיגט, וועט זיכער אנבאטן באקוועמערע לעבנס-ערטער פאר

פאמיליעס אינערהאלב דעם סוזען בי. אנטאני געגנט און העלפן ענערגיזירן און זיך ווידער-פארשטעלן דער היסטארישער קאמיוניטי.״

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״עס קומט אונז אלע א זיכערע און סטאבילע ארט צו רופן א היים, אבער די שוועריגקייט פון געפונען צוגענגליכע האָוזינג האט צופיל מענטשן צוריקגעהאלטן.״ ״׳קאנאל קאמאנס׳ וועט נישט בלויז באקעמפן האָוזינג אומגלייכקייט נאר אויך פארשטערקערן דעם היסטארישן געגנט פון אונזער שטאט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול פאר איר אנטשלאסנקייט צו הייבן אזעלכע אין אונזער קאמיוניטי וועלכע נייטיגן זיך דערין דאס מערסטע און איך קוק ארויס צו אונזערע ווייטערדיגע צוזאמארבעט צו פארברייטערן צוגענגליכע האָוזינג, אויפלעבן אונזערע געגנטער און שאפן דזשאָבס דא אין מאנראו קאונטי.״

**סטעיט סענאטאר דזשערעמי קוני האט געזאגט,** ״איך בין דאנקבאר פאר די סטעיט צוזאמארבעטער און ׳איסט האוס׳ פירערשאפט וואס מאכט די נייטיגע אנהייבן ארבעט מעגליך. ׳קאנאל קאמאנס׳ שטעלט צו זיכערע, צוגענגליכע, עקא-פריינטליכע האָוזינג און ברייט-ארומנעמנדע סערוויסעס און גלייכצייטיג איבערמאכן אן היסטארישן מערקפונקט. איך קוק ארויס צו דער ווירקונג וואס דער 123-דירה׳דיגע איינריכטונג וועט האבן אויף לעבנס-קוואליטעט אין דעם סוזען בי. אנטאני געגנט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעמאנד מיעקס האט געזאגט,** ״האָוזינג אומזיכערהייט בלייבט א לאנג-שטייענדע נושא אינערהאלב אונזער קאמיוניטי וואס איז נישט בלויז ערגער געמאכט דורך דעם אנהייב פון דער אלוועלטליכער פאנדעמיע. צוגענגליכע דעוועלאפמענטס ווי למשל ׳קאנאל קאמאנס׳ וועט ברענגען נייטיגע שטיצע צו אונזערע פאמיליעס און יחידים לענגאויס דער שטאט ראטשעסטער. עס וועט אנבאטן זיכערע, הויכע-קוואליטעט האָוזינג אין א צענטראליזירטן ארט מיט באלדיגע צוטריט צו אויפ׳ן-ארטיגע רעסאָרסן. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול און מיינע סטעיט קאלעגעס פאר דער באדייטנדער אינוועסטירונג אינערהאלב אונזער היסטארישער סוזען בי. אנטאני געגנט. איך בין דאנקבאר פאר זייער אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו די איינוואוינער פון אונזער קאמיוניטי.״

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט,** ״ווען מער פון אונזערע שווער-ארבעטנדע פאמיליעס האבן צוטריט צו צוגענגליכע הויכע קוואליטעט דירות און די שטיצנדע סערוויסעס וועלכע קענען זיי העלפן בליען, אונזער גאנצער קאמיוניטי ווערט שטערקער. איך דאנק גאווערנער האוקול און ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ פאר זייער אנגייענדע אינוועסטירונגען אין די מענטשן פון מאנראו קאונטי און אונזער לעבנס-קוואליטעט.״

**ראטשעסטער מעיאר מאליק די. עוואנס האט געזאגט,** ״דער ׳קאנאל קאמאנס׳ האוזינג דעוועלאפמענט ברענגט העכסט-נויטיגע צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג צום סוזען בי. אנטאני געגנט און גלייכצייטיג אויפריכטן א היסטארישער געביידע וואס איז אמאל געווען אן אונטערגעגאנגענעם ארט אין אונזער קאמיוניטי. איך וויל דאנקען גאווערנער קעטי האוקול, ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, ׳איסט האוס׳ און אלע אגענטורן וועלכע האבן געשטיצט דעם פראיעקט פאר׳ן מאכן די אינוועסטירונג אין ראטשעסטער. צושטעלן אונזערע איינוואוינער מיט זיכערע, הויכע-קוואליטעט און צוגענגליכע האָוזינג וואס וועט פאראויס-ציען אונזערע באמיאונגען צו שאפן א האפענונג-אנגעפילטער שטאט מיט א באגייסטערנדע צוקונפט.״

**מאניקע סי. מעקולאף עסקווייער, פרעזידענט פון ׳MM דעוועלאפמענט עדווייזערס אינק.׳, האט געזאגט,** ״אין צוגאב צו פארזארגן הויכע קוואליטעט, ווירקליך צוגענגליכע האָוזינג פאר דער שטאט ראטשעסטער׳ס מערסט עמפינדליכע בירגער, וועט אונזער ארבעט ביי ׳קאנאל קאמאנס׳ צוריקדרייען די שעדליכע ענווייראנמענטאלע ווירקונג פון דורות אינדוסטריעלע אקטיוויטעטן און גלייכצייטיג אפהיטן א געביידע וואס איז באדייטנד צום היסטאריע פון דעם סוזען בי. אנטאני געגנט. די קאנסטרוקציע פון

׳קאנאל קאממאנס׳ וועט שטיצן איבער 200 קאנסטרוקציע האנדלעריי דזשאָבס און די אנגייענדע אפעראציעס וועט שאפן איבער 18 נייע פול-צייטיגע דזשאָבס. שטיצנדע האָוזינג איז א טראנספארמירנדע אינוועסטירונג סיי אין מענטשן און סיי אין קאמיוניטיס. אלס די גרונדערין פון אן ערשטער-דור פרויען-באזיצטע ביזנעס (WBE) דעוועלאפמענט קאמפאני, בין איך פארעהרט זיך אנצושליסן אין אזא וויכטיגע פראיעקט וואס געפונט זיך הארט אין צענטער פון אונזער לאנד׳ס געשיכטע צו פאראויס-ציען פרויען׳ס רעכטן.״

**סקאט מאקווין, ׳איסט האוס׳ אמטירנדע פרעזידענט און CEO, האט געזאגט,** ״׳קאנאל קאממאנס׳ איז דער אידעאלער געשיכטע פון ערהוילונג. דער אמאל-פונקציאנירנדן ווערהאָוס איז געזעצן פארלאזט צענדליגע יארן. עס איז געווען דער בליק פון וואס דער גענייידע קען ווערן — ליכטיגע, גלאנציגע דירות אנגעפילט מיט מענטשן און פאמיליעס — וואס האט אינספירירט ׳איסט האוס׳ צו ווערן דער דעוועלאפער און פראיעקט ספאנסירער פאר דעם טראנספארמירנדן פראיעקט. ׳קאנאל קאממאנס׳ וועט האבן א גרויסע ווירקונג אויף דעם חסרון אין צוגענגליכע האָוזינג, איבערהויפט פאר ערהוילנדע אין דער קאמיוניטי.״

**מארק מיגליאטשי, וויצע פרעזידענט פון ׳טשעיס׳ קאמיוניטי אנטוויקלונג באנקירונג, האט געזאגט,** ״עס פריידט אונז צו שטיצן ׳איסט האוס׳, און די פילע צוזאמארבעטער, מיט׳ן בויען ׳קאנאל קאממאנס׳. עס איז באגייסטערנד צו זיין א טייל פון א געגנט אויפלעבונג וואס שטעלט אלס הויפט ציל צוגענגליכע האָוזינג און שטיצנדע סערוויסעס פאר דער קאמיוניטי. ביי ׳טשעיס׳ זענען מיר אנטשלאסן צו שטיצן די סארטן פראיעקטן וועלכע שאפן זיכערע, סטאבילע האָוזינג, וועלכע איז א פונדאמענטאלע שטאנדטייל פון געזונטע, בליענדע געגנטער.״

**דזשאלי מילסטיין, פרעזידענטקע און CEO פון דעם ניו יארק סטעיט אסאסיעשען פאר צוגענגליכע האָוזינג, האט געזאגט,** ״ווען גאווערנער האָקול האט דורכגעפירט איר נייעם, 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן האָוזינג פלאן היי-יאר, האבן מיר געוואוסט אז פראיעקטן ווי ׳קאנאל קאממאנס׳, וועלכע וועלן אויפלעבן א היסטארישע גענייידע אין הארץ פון ראטשעסטער אויף הונדערטער צוגענגליכע און שטיצנדע וואוינונגען, וועלן ווערן דעם סטאנדארט לענגאויס ניו יארק. מיר זענען שטאלץ אפצוצייכענען דער דערגרייכונג לענגאויס ניו יארק סטעיט, ׳איסט האוס׳, און ׳MM דעוועלאפמענט עדווייזארס׳ אלס דער כח וואס שטעלט אין גאנג אונזער יערליכע קאנפערענץ. מיר טוען ארויסהייבן זייער פראיעקט אלס א מוסטער דעוועלאפמענט וואס זאל איבערגעמאכט ווערן אין קאמיוניטיס איבער׳ן סטעיט.״

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש געאייגנטער פלאן פאקסירט אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס, אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן דער ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג ווען באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען דא.

###